STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02998

SHTIL-GEVEYN

Eliezer Kalir

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שטיל־געוויין

במסתרים תבכה נפשי
(ירמיהו י"ג, י"ז)

אַ ציקל לידער

פון

אליעזר קַליר

תל־אביב, תשט"ז

דפוס קואופרטיבי „אחדות" בע"מ, תל־אביב

געווידמעט דעם ליכטיקן אָנדענק פון
די צוויי העלדישע שוועסטער־קינדער:

דוד קליר

זון פון אליעזר און פייקע — פתח־תקוה

צבי'קה מרכוס

זון פון אהרן און רבקה — כפר גנים, פ"ת,

וואָס זענען געפאַלן פאַר דער אַנטשטייאונג
פון מדינת־ישראל אין איינאונדעמזעלבן
טאָג (י"ז אייר תש"ח) פון ביידע זייטן
ירושלים — דער ערשטער אין לאַטרון, דער
צווייטער אין רמת־רחל.

„און אַז מ׳האָט אהרן מרכוסן מודיע־
געוועזן די בשורה אַז זיין איינציקער זון
איז געפאַלן, האָט ער געזאָגט צידוק־הדין
און צוגעגעבן: — ווען איך וואָלט האָבן
נאָך אַ בן־יחיד וואָלט איך אים אויך גע־
שיקט מלחמה־האַלטן פאַר מדינת־ישראל.
ס׳איז כדאי!“...

דער נשיא המדינה יצחק בן־צבי מיט זיין פרוי רחל ינאית, צווישן די הורים שכולים אין „יד־לבנים״ — פתח־תקוה

הקדמה להוצאה באידיש

ביום י״ז אייר תש״ח, במלחמת־השחרור, נפלו בקרב שני דודנים ילידי פתח־תקוה, צבי בן אהרן ורבקה מרכוס מכפר־גנים, ובני דוד מפתח־תקוה. והנה מתעלולי הגורל: הם נפלו ביום אחד משני עברי ירושלים — צבי׳קה ברמת־רחל, ודוד שלי בהרי לטרון. תחילה נחשב בני כנעדר, אך אח״כ נתקבלה ידיעה מהצלב־האדום שהוא נמצא בשבי בעבר־הירדן, אולם עם חזור השבויים ארצה נתגלתה הטעות המרה: בצאתי לפגוש את בני דוד בין השבויים, הופיע כנגדי לא בני דוד קליר אלא שבוי אחר בשם דוד הלר. כך שהטרגדיה היתה כפולה...

לזכר הבנים הללו הוצאתי חוברת שירים בעברית „מקרב״. כיום, לאחר שמונה שנים, החלטתי להוציא שירים אלו באידיש — לזכרם של העולים החדשים, שאך באו ארצה — יצאו לקרב בלי לדעת אפילו את השפה העברית, והם נפלו יחד עם בני חלל בהרי־לטרון.

***

בהזדמנות זו מודה אני מקרב לב לכל הסופרים ואנשי־הרוח שהקדישו לי בשעתו דברי־הערכה ועידוד עם הופעת ספר־השירים הנזכר. חלק מדבריהם הריני מביא בהוצאה זו, לא לשם פרסום אלא כדי שלא ילכו לאיבוד שורות יקרות וקדושות אלו.

**
*

הייליג און טייער איז די מדינת־ישראל ביי יעדער יידן אויף גאַר דער וועלט.

נאָך הייליגער און טייערער איז די מדינת־ישראל ביי יעדער יידן אין ישראל גופא.

אָבער ווער קען אָפּשאַצן ווי ליב און טייער און הייליג ס׳איז די מדינת־ישראל ביי די עלטערן וואָס האָבן באַצאָלט פאַר איר דעם העכסטן פּרייז — דאָס לעבן פון זייערע קינדער?

זיי איז זי טייער מיט איר ליכט און שאָטן, מיט אירע מעלות און חסרונות, מיט איר נחת און צער, מיט איר פרייד און לייד. זי איז זיי ליב ווי ס׳איז ליב עלטערן אַ קינד וואָס הויבט ערשט אָן צו מרוקען, צו שמייכלען, צו לאַכן, וואָס הויבט ערשט אָן צו שטעלן זיך אויף אייגענע פיס, צו גיין; וואָס וויינט און שרייט און לאָזט ניט שלאָפן די נעכט; ווייל דאָס אַלץ צוזאַמען איז דער גרויסער פּראָצעס פון לעבן.

*

ניט אַרויסרופן געפילן פון טרויער איז דאָ מיין כוונה, נאָר מונטערן, שטאַרקן און באַגייסטערן. זאָל יעדער איינער וויסן ווי טייער צו האַלטן די מדינה און גרייט זיין צו ברענגען פאַר איר יעדן קרבן; ווייל זי איז אונזער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט, אונזער היינט און אונזער מאָרגן — אונזער קיום אַלס פאָלק.

*

די יסורים פון די עלטערן — ווער קען זיי אויסמעסטן, ווער קען זיי שילדערן, ווער קען זיי באַשרייבן?

„בית־הדר״ * אין תל־אביב! דיינע טרעפ זענען דאָך נאָך איצט פייכט פון די טרערן, וואָס טאַטעס און מאַמעס האָבן פאַרגאָסן אויף זיי, זוכנדיק זייערע פאַרלאָרענע קינדער.

איך האָב צוגעזען אין די משרדים, אויף די לוויות, אויף די בתי־קברות, אויף אַזכרות און הספדים — די גרויסע גבורה פון די עלטערן. גבורה און טרויער, טרויער און גבורה. עלטערן פול מיט לעבן און ענערגיע זענען צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן און אַוועק פון דער וועלט פאַר דער צייט. אָבער געווען אויך אַ סך פאַלן ווען עלטערן זענען אַוועק פאַרנעמען דעם אָרט פון זייערע געפאַלענע קינדער.

עלטערן האָבן זיך אין פיין און לייד דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פון אהבת־ישראל. דערמיט האָבן זיי דערמאָנט אָן די אבות. עלטערן זענען געוואָרן סימבאָלן. גענוג צו דערמאָנען די נעמען פון ג ו ב א ר, ל ב י א, ש ב ט, י ש ר א ל י ת און נאָך אַ סך, אַ סך, וואָס האָבן אַריינגעשריבן אין יידישן בוך היסטאָרישע בלעטער, געשריבן מיט שוואַרצן פייער אויף ווייסן פייער...

*

אויף וויפל כ׳האָב געפונען אַן אויסדרוק אין וואָרט פאַר מיין וויי, האָב איך דאָ, גלויב איך, אויסגעדריקט אויך דעם אַלגעמיינעם, גרויסן צער פון אַלע ביי אונז פאַרעלנטע טאַטעס און מאַמעס.

---

* אין בית־הדר האָט זיך געפונען דער משרד פון אינפאָרמאַציע וועגן פאַרלאָרענע זעלנער.

דערפֿאַר האָב איך איצט, 8 יאָר נאָך אונזער באַפֿרייאונגס־מלחמה און 6 יאָר נאָכן דערשיינען פֿון מיין לידער־ביכל „מקרב" אין העברייאיש, באַשלאָסן די דאָזיגע לידער אַרויסצוגעבן אויך אין אידיש. זאָלן זיי לייענען אויך די עלטערן, וואָס פֿאַרשטייען בלויז מאַמע־לשון און אַרויסשפּירן פֿון די ווערטער דעמזעלבן כוח וואָס אַנדערע. זאָלן עס אויך לייענען „בייע עולים", וואָס זייערע קינדער זענען גלייך פֿון די שיפֿן, אָן דער שפּראַך אין מויל אַפֿילו, געלאָפֿן צום קאַמף פֿאַר מדינת־ישראל און געפֿאַלן, ניט איינער אפשר מיט דעם טראַדיציאָנעלן „שמע ישראל" אויף די ליפּן...

זאָלן מיר אַלע גלייך זיין ווי ברידער אין לייד און אין — טרייסט!

אפשר ווייסט איר?

אפשר ווייסט איר אַ מיטל צו היילן מיין ווונד?
אפשר האָט איר אַ סגולה צו שטילן מיין ווייטאָק?
אָ, שלאָפלאָזע פיינלעכע נעכט!
וווּ איז צעשטרייונג,
וווּ איז פאַרגעסונג?
יאַרדן, מעטערס, קילאָמעטערס,
מיילן, ים־מיילן;
ס'האָט דער ים אַ גרונט, אַ דנאָ —
ס'האָט מיין צער קיין ענד, קיין סוף ניט!
ס'איז מיר פאַרלאָרן געגאַנגען אַ זון
אין די בערג פון לאַטרון!..

טאַטעס פון ישראל

זאָגט מיר נאָר איר טאַטעס פון ישראל,
אויסגעפּרוּווט אין פּיין און פּלאָגן,
אינם צער פון מקריב־זיין די קינדער —
ווי־זשע קאָנט איר עס פאַרטראָגן?
ווי־זשע קאָנט איר טראָגן אויפן זינען
אַזאַ אומגליק אַזאַ שווערן,
און אַ שטיקל טרייסט פאַר זיך געפינען
ניט דורך וואָרט און ניט דורך טרערן?
איר, די פאַטערס, היינטיקע אברהמס,
וואָס געפּירט האָט יעדער איינער
שטיל זיין אייגן קינד צו דער עקידה,
אָן שום וואָרט פון אַ באַוויינער — —
לערנט מיר דעם סוד, ווי איר האָט, טאַטעס,
בונד פון גלויבן ניט צעריסן,
ווען ביי דער עקידה האָט קיין אַיִל
ווי אַ נס זיך ניט באַוויזן!

שטיל און פשוט

דאַכט זיך אַזוי שטיל און פשוט:
אָפּגעגעסן און פאַרקאַמט זיך,
און אַ קוש געטאָן דער מאַמען —
און אַ האָרעלע פאַרזאַמט זיך...

דאַכט זיך אַזוי שטיל און פשוט:
אונזער ברכה מיטגענומען;
אויסגעקושט „שלום" דער מאַמען —
און שוין ניט צוריק געקומען...

גייען זעלנער...

גייען זעלנער, ציען זיך פֿאַרשווייגן, —
דו, מיין קינד, דו גייסט שוין אין דער ריי ניט.
ביקסן זינגען־אויס אַ שטומען ניגון, —
דו ביסט שוין, מיין קינד, מיט זיי ניט.

זעלנער קלעטערן און שפּרינגען מיט געזאַנגען, —
צום נצחון וועלן זיי דערגרייכן.
דו, מיין קינד נאָר, ביסט שוין ניט דערגאַנגען
און דו זעסט שוין ניט דעם צייכן.

קומען זעלנער נאָך צוריק צו היימען, —
דו נאָר, קינד מיינס, ביסט ניטאָ שוין.
פֿון אוועקגאַנג און ניט־שרעק־גאַנג דעם געהיימען,
הערט זיך שוין ניט מער דיין לשון.

עפֿנט זיך אַ טיר דאָ און פֿאַרמאַכט זיך —
קומסט ניט און דו ביסט ניטאָ מער.
עפֿנט זיך די טיר און ס'דאַכט זיך, דאַכט זיך:
טאָמער?

און אַז מיין טאַטע...

און אַז מיין טאַטע איז געשטאָרבן, —
געשטאָרבן איז אַ גוטער טאַטע;
און אַז מיין מאַמע איז געשטאָרבן, —
געשטאָרבן איז אַ טרייע מאַמע.
איז מיין ברודער אומגעקומען,
האָב איך אים באַוויינט, מיין ברודער,
נאָר דיך, מיין קינד,
ווי זאָל איך דיך באַוויינען?
אַז דו ביסט געווען מיר
אַלע דריי אינאיינעם.

דו...

און ווּ איך גיי — דו.
און ווּ איך שטיי — דו.
און וואָס איך טראַכט — דו.
און וואָס איך דאַכט — דו.
בייטאָג, ביינאַכט — דו.
אין חלום, וואָר — דו.
אין יעדער זאַך — דו.
אין דיינע ביכער — דו.
אין דיינע חברים — דו.
אין די מזמורים — דו.
דו, דו, מיין זון,
קוים איינאונצוואַנציק יאָר —
אַ לויכט-געטאָן, פאַרשווּונדן,
ווי אין הימל אַ מעטעאָר...

קבר ישראל

איך האָב ביז איצט נאָך ווי געהעריק ניט פאַרשטאַנען
דאָס גליק און אומגליק פון אַ טאַטן און אַ מאַמען,
וואָס זייערע זין זענען צו קבר־ישראל געקומען.
כ׳האָב זייער גליק און אומגליק ווי געהעריק ניט באַנומען.
אויף זייער קבר וועט איר שטיין,
באַגיסן זיך מיט טרערן;
און נאָכן רעגן פון געוויין
וועט גרינגער אייך שוין ווערן.
און איך — איך ווייס דאָך ניט אַפילו
ווו ס׳געפינען זיך די ביינער פון מיין זון,
וואָס איז מיר פאַרלאָרן געגאַנגען
אין די בערג פון לאַטרון.

היינט

היינט בין איך, ווי איז מיר, שוין רואיק:
איך לויף ניט צו די אויטאָבוסן,
איך שפּאַן שוין ניט אַרום אין שטוב צערודערט,
איך האָב זיך מיט דער שטילקייט נאָר פאַרברודערט.
קוים פלעגסטו אַ פאַרשפּעטיקטער
צוריקקומען אַהיים —
ווען כ׳האָב דערהערט נאָר דיינע שטילע טריט,
דיין מונטער-וואַרעמען „שלום״!
איז מיר געוואָרן ליכטיק מיין געמיט —
און כ׳האָב אַ כאַפּ געטאָן דיין האַנט
און צוגעלייגט צום ברוסט:
אָ, ווען דו וואָלסט געוווּסט,
ווי ס׳קלאַפּט מיין האַרץ,
ווי אומרואיק איך בין!

— — — — — — — — — — — —

היינט בין איך, ווי איז מיר, שוין רואיק.
איך קוק ווי ס׳שטומט דיין בילד
אין שוואַרצער ראַם.
אַריבער אים — אַ צווייגל פון לאַטרונער בערג.
פון אונטן — בלייכט דער פאַרמעט-בריוו פון בן-גוריון.
און דיינע ביינדעלעך רוען, רוען
אין ירושלים עיר-הקודש,

אויף דעם הרצל־באַרג,
וואָס איז מיט גבורה זאַט —
צופֿוסנס אים, דעם ניט־געקרוינטן קעניג,
דו — דער טריי־געשוואָרענער סאָלדאַט.

פֿאַרבאָרגט פֿון מיר ניט

פֿאַרבאָרגט פֿון מיר ניט, העלדן פֿון די גרויסע טעג,
איר אויסגעפּרוּווטע אינם קאַמף דורך פֿליכט און מוט,
חברים פֿון מיין זון אויפֿן לעצטן וועג,
חברים פֿון בית-ליד, פֿון חולדה, פֿון בית-ג׳יז,
חברים פֿון דעם זעלבן גדוד,
פֿאַרבאָרגט פֿון מיר ניט דעם לעצטן טרויעריקן גרוס.
דערציילט מיר, אויב איר האָט געזען אים ווי ער פֿאַלט
אין שלאַכט,
ווי ס׳פֿאַלט אַ זאַנג אין שניט?
און אפֿשר לויפֿנדיק פֿאַרביי אים, האָט זיך אייך געדאַכט,
ער שטרעקט אַ האַנט און בעט זיך:
חברים, נעמט מיך מיט!
און אפֿשר האָט איר פֿאָרט
געהערט פֿון אים אַ וואָרט,
וואָס האָט דערמאָנט
זיין טאַטע-מאַמע, זיין געליבטע,
ווען ס׳האָט זיך אָפּגעהאַקט דער בונד
פֿון די פֿאַרקניפּטע?..
פֿאַרבאָרגט פֿון מיר ניט דעם לעצטן טרויעריקן גרוס!

אויף די בערג פון בית־ג׳יז

צום אָנדענק פון דער גרויסער שלאַכט ביי
לאַטרון האָבן מיר געפלאַנצט אַ וועלדל.

אויף די בערג פון בית-ג׳יז
זענען מיר געשטאַנען און געוויינט
דערמאָנענדיק די זין.
אַ פלוגה פון צה״ל
האָט הויך אַ הייב געטאָן ס׳געווער —
און דער געיאָמער פון די מאַמעס
האָט זיך געריסן צו די הימלען
דורך די זעלבע וועגן-שטעגן,
וווּ מיט יאָרן אַכט צוריק
האָבן זיך געטראָגן
די לעצטע קרעכצן
פון די קינדער,
וואָס זענען דאָ געפאַלן,
אויף די בערג אַרום בית-ג׳יז,
אויפן וועג, וואָס ציט זיך קיין לאַטרון.
מיין האַרץ האָט מיר געוויינט פאַר צער און וויי;
און דאַכט זיך, אַז עס האָט געהערט זיך מיין געשריי:
„מיין זון, מיין זון, וווּ ביסטו?!
איך פיל דאָך דאָ דיין אָטעם,
איך הער דאָך דאָ דיין לעצטן „אוי!״

זע, קינד מיינס, ווער עס איז אַהער געקומען:
דיין טאַטע און דיין שוואַכע מאַמע —
דו האָסט געבראַכט זיי
אויף די ווילדע בערג אַרום לאַטרון.

— — — — — — — —

„דגל 'שק"! —
די פלוגה האָט געהויבן דאָס געווער —
און מיר האָבן פאַרפלאַנצט אַ ווערלדל,
אויסגעביטן אַ זון אַ העלד
אויף אַ ביימעלע אין פעלד.

דער ראַדיאָ שפּילט?..

„דער ראַדיאָ שפּילט?"
„די ביכער גאַנץ אין אָרדענונג?" —
די ערשטע פראַגן דיינע
אין שטוב ווי דו ביסט נאָר אריין.
געווים, מיין זון — אין אָרדענונג,
ווי קאָן עס אַנדערש זיין?
די ביכער דיינע בלעטערט שוין ניט קיינער,
ס'קוקט קיינער ניט אין זיי אריין,
מען קומט זיי ניט אַנטלייען...
פאַרשלאָסן איז דיין ביכער־שראַנק.
וואָס איז אַן אָרון־קודש
פאַר טאַטע־מאַמעס טרערן;
אַן אָרון־קודש, ווו עס לאָזט זיך הערן
דיין נאָמען אין אַ שטיל געבעט...
און אויך דער ראַדיאָ איז אין אָרדענונג,
נאָר שפּילן שפּילט ער שוין ניט מער
די מאָרגן־מעלאָדיען,
וואָס פלעגן צערטלען דיין געהער
ווען דו פלעגסט אויפשטיין אין דער פרי:
די שירי־ציון,
די היימלאַנד־לידער,
וואָס פלעגן דיך מיט זייער ניגון

יעדע נאַכט פאַרוויגן...
מען הערט שוין ניט דאָס ליד פון „מיין כנרת",
וואָס דו האָסט מיטגעזונגען מיט דיין זיסער שטים.
דער ראַדיאָ שווייגט. דער ראַדיאָ שטומט.
ער טרויערט דאָ מיט אונדז צוזאַמען,
מיט דיין באַטריבטע טאַטע-מאַמען.

25־טער מאַי

פינף און צוואַנצקסטער מאַי —
דער איכה׳דיקסטער טאָג
פון מיין גאַנצן לעבן;
דער טאָג פון תוכחה
פאַר מיר
און אויך פאַר נאָך אַזעלכע טאַטעס
ווי איך!
אויף די בערג דאָרט פון לאַטרון —
גיהנומדיקער פייער פון חמסין...
בייזע פליגן
בייסן נאָז
און מויל
און אויער...
און דער טויט אין פינצטערן געלויער...
בחורים יונגיטשקע
פון ישראל —
פאַרטריקנט ליפּ און קעל,
פאַרחלשט לעכצן זיי אַ טראָפּן וואַסער...
דאָס פּנים ווערט זיי בלאַסער, בלאַסער.
די פּלייצע בויגט זיך אַזוי שווער...
די ביקס איז ס׳איינציקע געווער,
וואָס זיי פאַרמאָגן.

ניטאָ קיין טאַנק,
קיין עראָפּלאַן,
בלויז אַ ביקס,
וואָס איז געצילט
אַקעגן אַ הארמאַט...
ציען זיי זיך מיד און מאַט.
ניטאָ קיין טאַנק,
קיין עראָפּלאַן —
ציען זיי זיך שפּאַן נאָך שפּאַן —
צווישן אַלעמען מיין זון —
אויף די בערג דאָרט פון לאַטרון,
אויף די שטעגן קיין ירושלים —
און ניטאָ מיט וואָס זיך צו פאַרהיטן,
ווערן בחורים, טייערע, פאַרשניטן...

*

פינף און צוואַנציקסטער מאַי —
דער טאָג,
ווען ניט קיין שאָף און רינדער,
נאָר אונדזערע באַליבטע קינדער,
געווען זענען די זבחים און די עולות,
די עולות-תמימות,
אויפן מזבח פון ירושלים!

*

דעם הרב גורן, הרב הראשי
פון צה"ל — געווידמעט.

רום און לויב דיר, ספרא וסייפא,
רב און גענעראַל,
רב ראשי פון צה"ל,
וואָס דו האָסט דיין לעבן
אויפן וואָגשאָל געוואָרפן,
און אין שונאס לאַנד
צווישן בערג און שטיינער
געזאַמלט די ביינער
די ביינדעלאַך פון אונזערע זין
אויף צו ברענגען צו קבר־ישראל, כדת וכדין...
דו, וואָס האָסט מיט דיינע אויגן געזען
דאָס וואָס איז מיט אונזערע טייערסטע געשען
אין דער גורלדיקער שלאַכט —
זאָלסטו זוכה זיין זען אונזער היים, אונזער לאַנד
אַ גליקלעכע, אַ בליענדיקע
אין פרידן און אין פראַכט!

אודאי...

„אודאי געפֿאַלן ווי אַ העלד
פֿאַרן פֿאָטערלאַנד,
פֿאַרן פֿאָלק ישראל,
פֿאַר מדינת־ישראל.
ס'האָט געהאַט אַ טעם,
געווען כדאי״!.. —
אַזוי זאָגט דער קלאָרער שכל,
דער ריינער פֿאַרשטאַנד,
דער לויטערער מוח...
אָבער דאָס האַרץ וויל ניט וויסן.
הערט ניט אויף צו ווייטיקן, דריקן און פּרעסן,
גייט אָפּ מיט בלוט און וויל ניט פֿאַרגעסן,
שוין אַכט יאָר אַוועק,
און ס'דוכט זיך —
אַכט מעת־לעתן...

ישראל

ישראל, אונדזער לאַנג־געדענקטע און פון אונדז געבענקטע,
ישראל, אונדזער קליינטשיק, איינציק לאַנד —
דו ביסט געוואָרן שוץ און היים פאַר אַלע, וואָס געטריבן
דער גורל האָט אין גלות נאָכאַנאַנד.

מיר וועלן דיינע וויסטקייטן פאַראַקערן, פאַרזייען,
פאַרבויען דיר דיין פליין, דיין באַרג און טאָל;
מיר וועלן דיך באַוואַסערן, באַפרוכפּערן, באַלייכטן —
און דו וועסט זיך צעבליען ווי אַמאָל.

מיר וועלן פלאַנצן און באַגאַנצן דיך פון אַלע זייטן,
דיין קליינקייט וועט אונדז ווערן לאַנג און ברייט;
מיר וועל טראָגן שלום פאַר דעם נאָענטן און וויטן
און צום פאַרמעסט זיין תמיד גרייט.

ישראל, אונדזער לאַנג־געדענקטע און פון אונדז געבענקטע,
ישראל, אונדזער קליינטשיק, איינציק לאַנד —
דו ביסט געבליבן שוץ און היים פאַר אַלע, וואָס געטריבן
דער גורל האָט אין גלות נאָכאַנאַנד!

פּאַטאַ מאָרגאַנאַ

(אַן עפּיזאָד פון באַפרייאונגס־קריג)

דאָס איז געווען ניט קיין אויסשטעלונג פון קונסט־בילדער — פון לאַנדשאַפטן און פּאָרטרעטן, קאָמפּאָזיציעס פון אַ מאָלער אָדער אַ סקולפּטאָר. דאָס איז געווען אַ זאַמלונג פון פאָטאָגראַפישע בליץ־אויפנאַמעס ניט קיין באַאַרבעטע, ניט קיין רעטושירטע, וואָס האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די צוקוקער. פרייד און טרויער, האָפענונגען, יאוש, טויט און לעבן זענען געווען פאַרקניפּט מיט דער דאָזיקער אויסשטעלונג.

דאָס איז געווען מיט אַכט יאָר צוריק, אין סאַמע ברען פון באַפרייאונגס־קריג פון ישראל.

דער „רויטער קרייץ" איז, ווי געוויינלעך, געווען דער איינ־ציקער פאָדעם, וואָס האָט פאַרבונדן די יידישע געפאַנגענע מיט זייערע פאַמיליעס. דורך זיין פאַרמיטלונג זענען צו די געפאַנגענע צוגעשיקט געוואָרן בריוו־פּאַקעטן, מעדיצינישע הילף און זאַכן. דער „רויטער־קרייץ" האָט אויך פאַרמאָגט רשימות און קאַרטאָטעקן פון די קינדער, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. און גליקלעך זענען געווען טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן נאָך לאַנגע האָפענונגסלאָזע אַרומזוכונגען פון זייערע קינדער, דערזען זייערע נעמען אין די רשימות פון „רויטן קרייץ". קען דען זיין אַ גרעסערער

גליק ווי דאָס? ניין, קיין גרעסערער גליק איז נאָך ניט באַשאַפן געוואָרן!

אָבער ניט פיל פון די עלטערן זענען געווען אַזעלכע גליקלעכע. דער גרעסטער טייל פון די קינדער, וואָס זענען פאַרלאָרן געגאַנגען ניט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין שפּורן, זענען געפאַלן און אומגעקומען אין שטח פון שונא — און אומזיסט האָבן זייערע אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע אָפּגעשלאָגן די טירן פון די משרדים און פאַרוואַנדלט זיי אין אינזלען פון געוויין און טרערן.

און אָט אין אַ שיינעם ליכטיקן פרימאָרגן האָט דער „רויטער קרייץ" איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון די בילדער פון די געפאַנגענע אין עבר־הירדן. פאָטאָגראַפיעס פון גרופּעס יונגעלייט מיט פאַרפינצטערטע פנימער, באַוואָקסענע מיט בערד, מיט זאַק־היטלען און בערעטן אויף די קעפּ... און אַהער, צו דער דאָזיקער אויסשטעלונג, האָבן אָנגעהויבן שטראָמען פון גאַנצן לאַנד מחנות פון אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן ניט געוווּסט, ווו זייערע קינדער זענען.

אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די בילדער מיט הונגעריקע, דורשטיקע אויגן, אַריינגעגעסן זיך אין זיי, געזוכט און גענישטערט, גאַנץ אָפּט מיט פאַרגרעסערונגס־גלעזער — עטוואָס נעבעכדיקס, ענלעכעס...

און... וווּנדער איבער ווונדער! כמעט יעדער איינער פון די עלטערן האָט געפונען און דערקענט צווישן די ניט־קלאָרע פאַרטונקלטע פאָטאָגראַפיעס עמיצן אַן ענלעכן אויף זייער זון. יעדער איינעם האָט מיט־אַמאָל אַ לויכט־געטאָן אַ שטראַל פון גליק און

האָפענונג. פון יעדער איינעם האָט מען פּלוצלינג דערהערט אַן אויסגעשריי:

— אוי, אָט איז ער. יאָ, דאָס איז ער!..

יעדער איינער האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס בילד פון זיין קינד, וואָס מען האָט געהאַט מיט זיך און פאַרגליכן מיטן בילד פון געפאַנ־גענעם. יעדער איינער האָט זיך געווענדעט צום צווייטן:

— האָב רחמנות, גיב אַ קוק, זאָג נאָר, איז דאָס ניט ער? ניט די זעלבע אויגן, ניט דאָס זעלבע געזיכט?

— אוודאי — ענטפערט מען אים — אָן אַ ספק!..

— 99 פּראָצענט! — ענטפערט אַ צווייטער.

— זייט ניט קיין רשע, זשאַלעוועט ניט קיין פּראָצענט, זאָגט הונדערט פּראָצענט — בעט זיך דער טאַטע...

מענטשן האָבן זיך גענאַרט, זיך געלאָזט נאַרן.

עלטערן האָבן זיך אַיינגעשאַפט די בילדער פון די געפאַנגענע און פולע מיט האָפענונגען זיך אומגעקערט אין זייערע היימען.

אָבער נאָכדעם ווי די בילדער זענען געשיקט געוואָרן אין גע־פאַנגען־לאַגער און קאָנטראָלירט געוואָרן — האָט זיך קיין איין איינציקער פאַל ניט באַשטעטיקט...

אַלע בילדער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פון אַנדערע מענטשן מיט אַנדערע נעמען. פון אַלע האָפענונגען האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך, אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ...

די ענטוישונג איז געווען שווער און ביטער...

הדים – מההוצאה העברית של „מקרב"

„מ ק ר ב"...

(מתוך העתונות)

הסופר אליעזר קליר, שפירסם בשנים האחרונות שני ספרים בפרוזה, והם „אבותיהם של הנאצים", שבו מתוארת התנהגותם ה„ג'נטלמנית" של הגרמנים בפולין הכבושה עוד בימי מלחמת־העולם הראשונה, ו„עולמות" — על חיי היהודים בעיירה היהודית בפולין, הוציא עתה ספר־שירים קטן בשם „מקרב". שירים אלה מהווים, כדברי מחברם, נר־נשמה לבנו דוד ובן־דודו צבי, שנפלו ביום אחד משני עברי ירושלים ביום י"ז אדר תש"ח. דוד קליר היה נכדו של ר' בנימין קליר ז"ל, מראשוני המתישבים בפתח־תקוה, נולד בשנת 1926, מילא שנת־שירות כנוטר, ומשהתחילה מלחמת־השחרור — התגייס והשתתף בקרבות על תל־ליטבינסקי ועל לטרון ושם נפל. תחילה נחשב כנעדר, ובהסתמך על ידיעות, שנתקבלו מעבר־הירדן באמצעות „הצלב האדום" סברו הוריו, שהוא נמצא בין השבויים, אך אחר־כך התברר, שזו היתה טעות מרה. צבי מרכוס, בן־דודו של דוד קליר, היה יליד ג'ידה בעמק, ובשעת נפלו בקרב על רמת־רחל כחבר חטיבת „הראל" של הפלמ"ח טרם מלאו לו 19 שנה.

מזעזעים עד היסוד הם חרוזי הספר שלפנינו. אהבת האב לבנו, שנפל, יחד עם ההכרה שקרבן זה כמו קרבנות אחרים — הם־הם שהביאו

לעם את המולדת המשוחררת — עוברות כחוט־השני בספר. במרי שיחו מקונן האב בשירו „כי מת עלי אבי, כי מת עלי אבי־מורי, הלך לעולמו אבי היקר; וכי מתה עלי אמי הורתי — הלכה לה לעולמה אמי היקרה; וכי נרצח אחי — נרצח אח רחים, אחי היקר; אולם כי אבד לי בני, — אבדה לי תבל ומלואה, אבוד אבדו לי חינה וטעמה..." אך בשיר אחר אומר הוא „ואולי היתה זאת ציפית כל חיי, ומשא נפש דורות מני אז ועד היום, תפילתם־תחינתם של אבות אבותי, כי אל הרחמים יביאנו עד הלום; כי אכן, כל שהיה להם כיסופים וחלום, הנה בני־בנם, בדמו־דמם, גאל זה היום!"

כעשרים שירים ספוגי נהי ויגון על בן שאבד כלולים בספר. קליר רואה בחלומו את בנו כיצד הוא נפרד באחרונה מהבית, הוא מסתכל בעינים דומעות בארון־הספרים המיותם של בנו ומנסה להרדם ב„מנוחה" מתוך ידיעה שהבן שהלך למלא את חובתו הלאומית לא ישוב אליו יותר, מאחר שכל הידיעות שהוא נמצא בחיים בשבי האויב נתבדו. בשירו „אנחנו האבות" המוקדש לזכרו של הטייס דניאל בוקשטיין ז"ל, מכריז המחבר בגאון על עצמו ועל אבות אחרים הנמצאים במצב דומה לו: „אנחנו אבות לבנים גבורים, משחררי המולדת בזרועם וחילם; אנחנו אבות לקדושים וטהורים, מחדשי המדינה מעתה לעולם". הוא רואה את אבות הגבורים כ„מאושרים באבות והאומללים בכולם".

בספרו „מקרב" נתן אליעזר קליר ביטוי נאמן לרחשי לבם של אלפי הורים אחרים, שאיבדו את כל היקר להם בתקופת מלחמת־השחרור. מר קליר הציב ע"י כך מצבה נאה לבנו ולצעירים אחרים.

י. אייזנברג („הבוקר")

על הררי בית ג׳יז...

אליעזר קליר, דור שני לראשוני המתישבים בפתח־תקוה, הוציא בימי מלחמת־העולם השניה ספר רב־ערך על אבות הנאצים בגרמניה — ובוודאי שלא חלם אפילו על כתיבת שירים. והנה בא האסון, הבן היקר דוד קליר נפל בקרב על לאטרון בימי מלחמת־השחרור, ובאותו יום בדיוק — י״ז אייר תש״ח, — נפל גם, בקרב על רמת־רחל, בן־דודו של דוד, צבי מרכוס, בן להורים חקלאים מעמק־יזרעאל. וכך, בעקבות הטרגדיה הגדולה של האב השכול, נפתחו מעיינות השירה — שירת הצער והאבל, שכפי שהגדירה אותה יפה בהקדמתה המשוררת אנדה פינקרפלד־עמיר „כל מלה — אגל דמע, כל ניב — שכול־יתמות״.

קובץ השירים של אליעזר קליר — „מקרב״ (תל־אביב, תש״י), המוקדש לזכר שני הגיבורים — האחים שנפלו ביום אחד משני עברי חזית ירושלים, — נוגע ללב בפשטות הצרופה והנאצלת שבו. יש בשירים אלה משהו מן הוידוי המזעזע ומן התפילה־הזכה של האב האומלל, המקונן בדמעות שליש „על מות לבן״ ואינו מוצא ארוכה ומרגוע לנפשו הפצועה. „על הררי בית ג׳יז שם עמדנו ובכינו בזכרנו את בנינו״...

— נעימה תנכית־אקטואלית זו מהווה את האקורד החזק ביותר באותה שירת־אבל טראגית ונשגבה, שהחלה עוד בימי־קדם בספרות העברית, בקינת דוד על מות שאול ויהונתן („הצבי ישראל, על במותיך חלל״...) — ועדיין היא נמשכת, ועדיין היא קורעת לבבות הורים...

(„מעריב״) דוד לזר

מ ק ר ב

כשהכאב בוקע ועולה מעומק לבו של אב שכול ורגשותיו משתפכים מעל לגדותיהם, משתתקת ההשראה והבכי ממלא את ישותו ללא ביטוי והבעה. רק כעבור זמן מזדכך הכאב, והאב הסופר מוציא מתחת ידו קינה קורעת שחקים בטבעיותה ופשטותה.

לפני עינינו יצירה חדשה, כאילו סוביקטיבית, ובכל־זאת כללית, שכל אב שכול יכול לומר — הנהי שלי.

מר אליעזר קליר, שהכרנוהו ב„אבותיהם של הנאצים" ו„עול־מות" שלו, סיפורים מלבבים מחיי יהודי העיירה והגולה, בהם הנציח ביד נאמנה הווי יהודי ואירועים קטנים המצטברים ביחד לשלמות מוגמרת בכל סיפור ושרטוט מעולם שהיה ואינו עוד — אותו סופר ניתק פתאום את הקשר מ„שם" והתחיל לשיר על גבורת ישראל ביגון וגאוה: „התדעו מה צרי ירפא פצעי / מה מזור לכאבי / פוגה לצערי? / כי אבוד אבד לי בן בקרב לטרון / בהרים.

זהו הביטוי הראשון של אב שאינו מוצא מנוחה לנפשו וחי עוד שנה תמימה בתקוה שבנו יחזור. בכמה שורות אלו מתיצבים לפני עינינו כל ההורים השכולים ועיניהם דומעות ולבותיהם כואבים כאב עצור: „אבות ישראל, אחים אמולים / אחים לדין ולגזר... / איך לא תשחו עד עפר / תחת כובד העול?" / לפני עיניו הרי לטרון ובית־ג'יז, מקום־מנוחתם האחרון. באותו מקום מגיע שברו לשיא הטראגי, עובר הבנת אדם, כשאומר: „נחליף הבנים בשתילי ארנים". כאן נגמרה הציפיה, גזה התוחלת, „כבר אישן במנוחה". חלף הצער התהומי והאסון נראה לו טבעי כעין קרבן־עולה בשביל הקמת המדינה

וקיומה, והורי החללים הרי הם כעת „המאושרים באבות והאומללים בכולם".

רבות נכתב על אותו נושא. טרגדיה איומה התחוללה לעינינו. רבים מההורים פירסמו הספדים ומכתבים מקובצים, כעין ספרי־זכרונות על חיי בניהם ומות־הגבורה שלהם. אולם מר א. קליר כתב ויצר דבר־מה החורג מהמקובל ונוגע ומשותף לכולם, קרוב להם ברגשותיהם. באבל ובכניעה לגורל שבחר לו לקרבן חיים צעירים, כדי שאחרים יוכלו לחיות בזכותם במולדת העצמאית. הקצב והמשקל, התוכן והצורה ב„מקרב", מעידים על יכולת הביטוי, השובים לב, ומכניסים את הקורא לעולמם של אלה שידעו לכאוב ולהתגבר על עצמם, כראוי לאבותיהם של גבורי מלחמת־השחרור.

(„חרות") ש. אמסטר

*

חוברת דקה של מ״ו עמודים ובהם י״ט שירים, כתובים בידי אב שכול, שבנו לא חזר מקרב־לאטרון. עזי־ביטוי הם השירים ומרעידים את נימי הנפש.

מעשה באליעזר קליר מפתח־תקוה שקיבל הודעה מן המוסדות המוסמכים, שבנו דוד נפל בקרבות־לטרון. באמצע ימי ה„שבעה״ הגיעה ידיעה סותרת באמצעות „הצלב האדום״, שהבן נמצא בשבי הלגיון בעבר־הירדן. ורק עם שוב אחרון השבויים נתברר שהידיעה ידיעת־שוא היתה, הבן נעדר מן הקרבות בהרי־לטרון.

ומעשה בבן־דודו של הקדוש דוד קליר הנעדר — צבי מרכוס, אף הוא מפתח־תקוה, שהיה מגויס בחטיבת „הראל״ שבפלמ״ח ונפל בקרב על רמת־רחל. שניהם נפלו באותו יום — באייר תש״ח — משני עברי ירושלים.

לשני הקדושים האלה הוקדשה החוברת. האב השכול רואה את עצמו בין „המאושרים באבות והאומללים בכולם...״ הרגשה עילאית של העלאת הבנים על העקדה, של הכרח הקרבן, מחד, וכאב טבעי של אב שהעלה על מזבח המדינה את היקר מכל — מאידך. ובראותו חיילי ישראל צועדים ברחובות, נצבט לבו בקרבו על שבנו אינו בין אלה. הוא כותב:

וכשהגענו עד הלום,
זכותך, בני, וזכות חבריך לקרב
אשר בלטרון, בהרים
נפול נפלתם יחדיו.

ומזעזע הוא הפרק המדבר על „קבר ישראל" שהבן לא זכה לו.

לא ידעתי עד כה כי יום יבוא
וקנא אקנא באבות שכולים,
השופכים דמעה על קברי בניהם
ואני לא אדע גל קברך איהו...

„מקרב", בהיותו נובע מקרב הלב, הוא ביטוי נאמן למאות הורים שכולים, הנושאים בלבם את זכר יקיריהם שנפלו למען תקומת המדינה והעם.

(„הצופה") אברהם בן־אוריין

*

כל מלה — אגל־דמע, כל ניב — שכול־יתמות. כשם שמחברי התפילות אך לעצמם ולאלוהים תחילה שרו תפילותיהם ובלא־יודעים היו לפה ולפורקן לכל האלמים כבדי פה ולב, אשר בחסד הדיבור לא חוננו — כן יהיה צרור זה של כאב צרוף מבע לכל אב ואם השכולים, כי מלבם דיבר.

אנדה עמיר־פינקרפלד

תל־אביב, י׳ אלול תש״י

מר קליר היקר!

את חוברת שיריך „מקרב" שנתת לי אתמול, קראתי אמש כולה, ועתים הרגשתי כי דמעות עולות בלבי... לא־מעטות בחוברת שורות, אשר בפשטותן העמוקה ובעמקותן הפשוטה והתמימה ועם זה הנשגבה, הזכירו לי שורות תנ"כיות.

צדקה אנדה עמיר בפתיחתה, כי „צרור זה של כאב צרוף — מבע לכל אב ואם השכולים, כי מלבם דיבר".

מליבם דיבר — ואל לב כולנו הוא מדבר.

ינחמך בעל הנחמות בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

מכבדך ומוקירך

ד. שמעוני

אליעזר קליר היקר,

אותו יום שנטלתי מידך את קונטרס שיריך, התהלכתי עצוב והרוס. מדי פעם הייתי מוציאו מכיסי ומעיין בו. איזה חום פנימי עלה לקראתי מתוך השורות הרופפות, המרטטות. עדנת־תוגה ועוז־כיסופים לצליליך המוקדשים לבן, שנתמזג לנצחים עם הווית הרי־ירושלים. — — —

זה הביטוי הפשוט והגלוי, שאינו מכסה ומעלים כל זעזוע בנפש „אבא הפחדן", ייקר לי שבעתיים. דובבת האמת המרה מקרב לבך הפצוע — לב אב שכול, המתמוגג בדמע ובתפילה זכה.

הרגשתיך, ידידי, בניבך הטהור, האנושי. בנאמנות זו, בהצצה עין בעין בגורלנו העז והחותך, בכך גלום הכוח היהודי לשאת, לסבול, לקוות ולהילחם למען גאולת ישראל השלימה.

שלך

אברהם ברוידס

ג' כסלו תשי"א

י״ח באלול, תש״י
31 באוגוסט, 1950

לכב׳ מר אליעזר קליר,

שלום רב!

קיבלתי את צרור־שיריך — ואין לי אלא להחזיר לך תמורתו את קובץ „נועם״ ואת צרור־שירי אני — „עלי־דני״. והיתה זו תודתי לך. (בימים הקרובים אשלחם).

ידעתי את נפשך והרגש ארגישנה.

אחיך לגורל

ראובן אבינעם

י"ח אלול תש"י
31 אוגוסט 1950
153/12/א

המטה הכללי
לשכת ראש המטה

לכבוד מר אליעזר קליר
פתח־תקוה

מר קליר הנכבד!

אני ממהר להודות לך על „מקרב".

אכן, אין נחמה לאב שכול ואין הבעה כה כנה לצער זה ולרגש זה, כשירים שנכתבו מקרב הלב הפצוע. שני הקרבות כאחד — הקרב על לטרון והקרב על רמת־רחל — הכריעו את גורל ירושלים. ותהיה זו נחמה פורתא.

בכבוד רב ובכנות
יגאל ידין, רב־אלוף
רמטכ"ל

*

במ"ו עמודים קטנים שר אליעזר קליר את י"ט שיריו הקצרים „מקרב..." — מקרב לב אב שכול, המעיד על עצמו כי הוא בין „המאושרים באבות ואומללים בכולם". כי אכן, שיריו של א. קליר נושאים עליהם את חותמם של השכול ושל רוח האב השכול שלא נשברה באסון, בנפול הבן. שירתו של קליר לא נכתבה לשמה, לשם שירה, אלא לשם שיח — וקודם כל עם אלה שגורל משותף ליכד אותם, בלא שהכירו איש את רעהו — עם ההורים השכולים. אותם שואל המחבר:

לי הגידו, אבות שכולים, / אחים לגורל המר והנמהר, / אבות ישראל, אחים אומללים, / אחים לדין ולגזר... / איך לא תשחו עד עפר, / תחת כובד העול?

ואין ספק כי אלה ירגישו בשיריו של א. קליר את האמת, הפשטות, היגון והאהבה לבן, וישאבו גם עידוד ונחומים. בי"ט שיריו מצייר א. קליר בצבעים פשוטים את דמותו של הבן. דוד, עלם מישראל, שאין האב מבקש להכתיר בשירתו כתרים לראשו ולא להבליט אותו מעל בנים אחרים בני־גילו. אחד מאלפים שנחלצו למלחמת־העצמאות, כדברי האב: לראשך קבע־גרב חבשת, / בידך „סטן" לקחת, / ועם הראשונים מהרת — / ועמם גם נפלת...

א. קליר, ששיריו הם תפילה חרישית לעצמו, לאלוהיו ולדורו, הוא משורר עניו ואב אוהב את כל הבנים: את שיריו הוא הקדיש כנר־נשמה לבנו דויד ולבן־דודו צבי מרכוס — „שנפלו ביום אחד משני עברי ירושלים". כן יש בספר שיר לזכרו של הנער עמירם אריכא, ושיר לזכרו של הטייס דניאל בוקשטין שנפלו שניהם בקרב.

ב. אריה

*

„הנה אראנו כבחלום —
חלף כחלום ולא עוד שב.
קום השכים עם הנץ היום,
בצע לחמו, לבש מדיו,
עשה שערותיו, יישר ה,שביל׳
ולאמא על כתף טפח:
,אל דאגה, אמא, אל חיל,
לבבך אל נא ירך׳
ועל לחיה נשק: ,שלום,
אמא, שלום׳
והלך. — —
הלך ולא עוד שב.

המחבר, אליעזר קליר, שהקדיש את ספר־שיריו הקטן „מקרב" לזכר בנו ובן־אחיו שנפלו, — אב אלמוני הוא ונעימתו עממית, ובאחד משיריו הריני פותח את פרק־הסיום לדברי אלה, פרק זה שבו אני מתקשה יותר מאשר בקודמים לו: שירת האבות השכולים, שאיננה ניתנת להערכה כדבעי בידי בן־דורם. כלום על הבנים והבנות תעיד ולא על האבות והאמהות עצמם, ללמדנו רציפות הדורות וחלוקה חלק כחלק בקרבן? לאמור: הבנים שילמו בחייהם, ואילו האבות — כל אחד בחיי שנים — של הבנים ושלהם.

עמנואל בן־גריון

אינהאַלט

הקדמה להוצאה באידיש 7

אפשר ווייסט איר? 11
טאַטעס פון ישראל 12
שטיל און פשוט 13
גייען זעלנער... 14
און אַז מיין טאַטע 15
דו... 16
קבר ישראל 17
הייגט 18
פאַרבאַרגט פון מיר ניט 20
אויף די בערג פון בית־ג׳יז 21
דער ראַדיאָ שפּילט?.. 23
25־טער מאַי 25
* 27
אַודאי... 28
ישראל 29

פּאַטאַ־מאַרגאַנאַ 31

הדים — מההוצאה העברית של „מקרב״:
„מקרב״ — י. אייזנברג („הבוקר״) . 35
על הררי בית ג׳יז — דוד לזר („מעריב״) 37
מקרב — א. אמסטר („חרות״) . . 38
* — אברהם בן־אוריין („הצופה״) . 40
* — אנדה עמיר־פינקרפלד . . 42
* — ד. שמעוני 43
* — אברהם ברוידס 44
* — ראובן אבינועם 45
* — יגאל ידין 46
* — ב. אריה 47
* — עמנואל בן־גריון 48